# מאי

## ליטעראַטור, קונסט
## און קריטיק

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
MAR 1972

**א י נ ה א ל ט :**

באמערקונג פון רעדאַקציע / דניאל לייבל: פון פאלק צו שבט אדער פאַרקערט / מאַטל וועקסלער: אין וועג (לידער) / אברהם בליי: Cavalleria rusticana / ליובא וואסערמאַן: ירושלים, פייזאַש (לידער) / דער טונקעלער: ביכער עליך ישראל / י. צ. שאַרגעל: צו מיין שוועסטער אין דאָרף (לידער) / יעקב שטאָל: פאַרנאַכט (ליד) / לייבל חיין: אויף דער עלטער / אברהם בליי: ברעקלאַך / ר״חל בלאווּשטיין / נאָטיצן.

פאַרלאַג
«אין צוים»
תל־אביב

תל־אביב, מאי 1931

• •
•

ניט צו לייזן וועלט פראבלעמען מיינען מיר מיט די דאזיקע העפטן, ניט צו פארנעמען דעם פלאץ פון א יידישער טעגלעכער אדער וועכנטלעכער צייטונג — וואס איז אגב א נויטווענדיקייט ביי אונז אין לאנד — עס איז בלויז א ווינקל אזא פאר א גרופע יידישע שרייבער און דיכטער, וועלכע ווערן דערשטיקט אין דער העברעאיסטישער אטמאספערע, עס איז בלויז א פלאץ אזא — אמת, א באגרעניצטער — פאר דער מינימאלסטער מעגלעכקייט פון קינסטלערישן אויסדרוק.

רעדאקציע


# מאי

## ליטעראטור, קונסט, קריטיק

פארלאג „אין צוים״ — תל־אביב
רעדאקטירט — א ב ר ה ם ב ל י י

תל־אביב מאי 1931



דניאל לייבל / תל־אביב


## פון פאלק צו שבט, אדער פארקערט?

אספת הנבחרים, אונזער „יידישער פארלאמענט״ אין א״י, האט געהאט אין איר ערשטער סעסיע א סך הארטע ניס צו צעקנאקן. מ׳קען זאגן: זי האט דערביי אירע ציינער פארלוירן; נאר נישט וועגן דעם ווילט זיך דא רעדן. צווישן די אלע „הארטע ניס״ האט זיך פארוואלגערט א „קליין ניסעלע״, די פראגע וועגן יידיש און יידישע ליטעראטור אלס לימוד אין די העברעאישע שולן. וואלט זיך געדאכט, אז אספת הנבחרים וועט זיין געטריי זיך אליין און דעם גייסט פון דעם העברעאישן שולוועזן, און קלאר און אפן אפווארפן די דאזיקע „יידישיסטישע חוצפה״, ערקלערן אָן מאסקעס אז דער דאזיקער קונץ וועט נישט אנגיין, אז „העברעאיש וקודשא ברוך הוא וארעא דישראל חד״.

און דאס איז נישט געשען. אספת הנבחרים, וואס האט אזוי געקאכט, ווען די רעליגיעזע פונקציעס אירע זענען אנגערירט געווארן אין דער דעבאטע, האט אויסגעהערט דעם פארשלאג איינצופירן דעם יידיש־לימוד אין די פאלקשולן, מיט זייער א סך איינגעהאלטנקייט. דאס העברעאיסטישע בלוט האט זיך לגמרי נישט צעקאכט, דער „זשארגאן״ האט נישט צובאקומען קיין ניי בינטל זידלערייען, ווי דער אנטירעליגיעזער ארויסטריט, און שוין ווייט נישט ווי דער פארשלאג פון א יידישער קאטעדרע ע״הביים אוניווערזיטעט.

עס איז געווען מיט איין ווארט, פיינלעך. א פיינלעך שווייגן ביי די אייביקע „אקטיווע״ פארטיידיקער פון דעם „העבראישן מאָנאָפּאָל״, פיינלעכע צוריקגעהאלטענע דיבורים ביי די „קולטורעלע״ העברעאיש־קעמפער פון „הסתדרותישן״ צד.

חיותה בוסל פון דגניה האט אויסגעזאגט דעם סוד: „— איר ווילט אונז צווינגען צו שטימען געגן יידיש אין אונזערע שולן? ניין דאס קענען מיר נישט!״

דאס איז געווען א נישט געפעלשטער אויסדרוק פון דער נייער באציאונג צו יידיש, וואס האט זיך אנגעהויבן פילן אין די לעצטע עטלעכע יאָר, נישט בלויז צווישן די שטאטישע ארבעטער, נאר אויך אין די קבוצות דא אין דארט.

דער יידיש־לימוד איז געווארן א ברענענדיק באדערפעניש פון דער „נאציאנאלער" ערציאונג. די סכנה אפגעריסן צו ווערן פון דעם לעבן און שאפן פון די יידישע פאלקסמאסן, וואס אירע סימנים האבן זיך גענומען באווייזן אזוי בולט אין דער מאסן־עמיגראציע פון בורזשואזן יונגווארג צו שטודירן אין אלע אוניווערזיטעט־שטעט פון דער וועלט, מיט דער אויסזיכט צו באזעצן זיך דארט, די פרעמדקייט פון דעם נייעם דור צו דער יידישער מאסע און אירע באדערפענישן, און וואס דערמיט איז פארבונדן, די סכנה מיטצולויפן מיט יעדן ווינט און יעדער שיינער פראזע — דאס האט שוין מיט עטלעכע יאר צוריק ארויסגערופן די אייגענע פראגע וועגן יידיש אלס לימוד אין די שולן פון הסתדרות. די פראגע איז דעמאלט דערשטיקט געווארן אין א רעזאלוציאנס־קאמיסיע. זי איז אבער נישט אראפ פון סדר־היום.

די העברעאישע ליטעראטור, און נישט בלויז די ליטעראטור אין א״י, גייט זיך ווייטער, און אוודאי קען זי נישט אנדערש. לויט דער „קורציכטיקער אנשויאונג, אז דאס לעבן וואָס שאפט זיך אין ארץ־ישראל, דער אויסלייזונגס־אידעאל אויף דעם דאזיקן היסטארישן ערד־שטח איצט, מוז זיין די אלף און תיו אין דער געשריבענער מגילה פון יידישן פאלק. אלץ וואס איז אויסער דעם שטייט אויסער דעם ארט און אויסער דער צייט" (אשר באראש אין „מאזנים", דעם ארגאן פון העברעאישן שריפטשטעלער־פאריין אין א״י). און בעת די העברעאישע שרייבער האמפערן זיך, ווי אזוי ארויסצוציען זייער ליטעראטור „פון שבט צו פאלק", מאטערט זיך דער ארבעטער אין שטאט און אין דארף אין די ווייען פון ירידה „פון פאלק צו שבט". דאס אויג ווענדעט זיך ממילא צו דער יידישער ליטעראטור, צו דעם וואס ווערט געשאפן אין דער פארוואָרפענער שפראך פון די מאסן. דער מאנאפאל פון העברעאיש איז געווארן די נחלה פון דעם לערער, פון דעם גדוד מגינישן פוסטיאק, אויף וויפל זיי פארבראקן אים נישט מיט רוסיש. מ׳לייענט איצט א סך יידיש אין א״י, ווי קאלט און ביטער־בייז עס זאל נישט זיין די באציאונג פון דעם ביבליאטעקאר און קולטור־טוער. יידיש הויבט ווידער אן פארנעמען א פלאץ, נאך נישט איר פלאץ, אבער א בעסערונג איז פאראן.

ס׳ווערט פיינלעך, הגם נישט צו שווער, אין א״י אנצונעמען רעזאלוציעס קעגן יידיש. די שטימונג האט זיך צום טייל געביטן. די אפהענגיקייט, מאטעריעל און מאראליש פון די מאסן אין חו״ל לייגט ארויף התחייבותן. און אז אין די ריכטליניען פון „מפלגת פועלי־א״י" איז פאראן א בפירוש׳ער פונקט וועגן „העברעאישן פאנאטיזם" — גיט מען זיך אן עצה אין דער אסיפת הנבחרים — און מ׳נעמט אראפ די פראגע פון סדר־היום. די פראגע זאל באטראכט ווערן ביי א באזונדערן פונקט וועגן דער ריכטונג פון דער ערציאונג.

אז מיר וועלן לעבן וועלן מיר זען.



מאטל וועקסלער / חיפה.

# אין וועג

1

די טארבע געפאקט שוין, די ווונדן פארבונדן,
דער שטעקן אין האנט —
צי קען מען נאך ערגעץ אצינדער געפינען
א אינזל, א לאנד? —
איז דא נאך א וועג. וואס מען האט נישט באטראטן׳
טא וויזט מיר דעם וועג —
קען זיין דאך, ער וועט מיך דערפירן צום גרעניץ
פון פריידלאזע טעג...
איז ערגעץ נאך דא ווו א סטעזשקע א שמאלע,
דער גאנג מעג זיין שווער —
כ׳וועל גיין און וועל זוכן און אפשר געפינען —
אן אפרו, נישט מער.

2

הימל — באזייט מיט שטערן
ערד — מיט אן־סופיקע וועגן.
גיי איך און וויל עמיץ פרעגן:
וואס וועט דער סוף פון דער ווערן?
רו איך בא בוימער און צווייגן
זאפט איין די ערד מיינע טרערן.
מיט טויזנטער ליכטלאך — די שטערן
פינקלען פון אויבן און שווייגן...

3

עס טראגט מיך א שטורם אויף טויזנטער וועגן.
וואס זאל איך דערציילן, וואס ווייסטו? —
אז אומעטום שטייען די בוימער און פרעגן:
וואס האסטו פארלאזן, ווו גייסטו? —
און שטערנדלאך פינקלען, ווי עדות ווי שטומע
און לאכן א שטומען געלעכטער, —
טא ווי זאל איך וויסן צו די זענען קרומע
און דארטן דער וועג איז דער רעכטער?

אברהם בליי / תל־אביב

# CAVALLERIA RUSTICANA

שלאפן, שלאפסטו ווי א לעמעלע,
דאס גאס אויף דיינע ליפן איז זיס,
וואלט איך זיך ניט געשעמט פאר פרעמדע,
לויף איך און קוש דיך געוויס...

אזוי האט זיך געזונגען דער יונגער פאסטוך מוסא־יאסין פון דזשימזע. זיין קול האט געטרילט און געקייקלט זיך איבערן גאנצן טאל, אוועק פון זיין שאף און ציגן.

ניי זענען זיינע לידער, ניי זענען די שליאכן אויף וועלכע ער פירט זיינע שאף און שעה׳נווייז דויערט זייער צעזונגענער גאנג צום קוואל.

מוסא־יאסין איז נאך ניט אלט גענוג צו האבן אבגעשפארט געלט אויף אן אייגן ווייב. ערשט זיבצן איז אים, און ס׳האט אים געצויגן מער צו בארג און טאל איידער צו ארבעטן אויפן פעלד. איז אים געפעלן זיין פאס־טוך ביים רייכן ביטאר עפענדי.

ווי גוט דאס איז אינם טיפן טאל! מיט א פייפל אין מויל האט ער זיך אומגעפירט מיט די שאף און רינדער, אויף טאל און אויף בארג, אויף בארג און טאל. האט ערגעץ געגרינט א שטיקל ערד, האט שוין מוסא־יאסין געזען, די סטאדע זאל כראמטשען, זעטיקן זיך און אנפילן אייטערס מיט מילך. מיט גרויס הנאה פלעגט ער זיך אוועקלייגן אויפן פרייען פעלד, ליגן כל זמן דאס גרינע איז נאך אויף ד׳רערד צו זען, און ארייגעקוקט טיף, טיף אין הימל. אין די וואלקנס דערזעט ער א וועלט א נייע: דערפער גאנצע. און דארטן א געצעלט פון ווייסן לייוונט, וואו פעלעכלאך פון מדבר חיות זענען אויסגעשפרייט אויף וואנט און אויף דיל, און אין יענם געצעלט געפינט זיך זי, מאכבובא, די שענסטע בעסטע מיידל פון דער וועלט.

טראגט עס אים פון ד׳רערד. לאזט ער איבער שאף און רינדער און לויפט איבערן טאל, אהין, אהין וואו מאכבובא, זיין באשערטע.

כאפט ער זיין פייפל אריין אין מויל און שפילט אויס:

מאכבובא, האסט מיך געפאנגען
ווי א בין אין א בינשטאק,
נאר כ׳האב ניט קיין פליגל צו פליען,
איך וועל באטראכטן די שטערן באנאכט
און טרוימען פון דיר.

דערהערן די שעפעלעך דאס זיסע געזאנג, לייגן זיי זיך אויס און הערן צו. און מיט א מאל שפרינגט ער אויף און דערמאנט זיך, אז אפשר איז גערעכט דער אלטער מאכמוד, וואס זאגט, אז דער וואס האט גליק נאר אין טרוים — דער האט אומגליק...



טרייבט ער די טשערעדע טיפער און טיפער אינם טאל און אליין שפרייזט ער פאראויס, פארטראכט און פארזארגט.

---

מאכבובא׳ן האט מוסא־יאסין ליב געהאט מיטן גאנצן ברען פון הארצן. ער ווייסט עס וואויל, אז די שענסטע מיידל פון דארף לאכט זיך אויס פון אים, ווייל ניט זיינע ווערן, איר ציט גאר צו חברה „שאבאב". נאר נאך פון קליינערהייד אן האט ער אין דער שטיל געקושט אירע טריט און האט זי נאר איין מאל איר מויל געעפנט א שמייכל טאן און עס האבן א בלישטש געטאן צוויי ווייסע שערענגעס ציין, האט מוסא־יאסין מיט אמאל דערזען ווי בריליאנטן גלאנצן, עס האט אים געשווינדלט אין די אויגן און א ציטער האט ארומגעכאפט זיין גאנצן גוף.

– מאכבובא, דו ביזט ווי די שענסטע רויז אין גארטן.

– און דו, מוסא־יאסין, ביזט ווי א דארן א וויסטער.

– נישט שיין אזוי צו רעדן, מאכבובא, א זינד, אזינד פאר אללא! און אז איך וועל גענוג געלט אבשפארן, וועל איך קומען מיט מתנות פול צו דיין טאטן, באצאלן פאר דיר דעם פולן מקח, און זיין וועסטו ביי מיר דאס שווארצאפל פון מיין אויג, מאכבובא!..

– משוגענער! – האט זיך מאכבובא אויסגעלאכט – זאלסט נישט דערוועגן, דו הינטישער זון, פיינט האב איך דיך ווי א שפין, לויף דיין וועג און פארגעס... כא־כא־כא...

איז מוסא־יאסין אוועקגעגאנגען צעווייטיקט, ווי שארפע מעסערס וואלטן זיין לייב געשניטן. און ערגעץ אין א ווינקל פון זיין קערפער האט זיך א בענקשאפט באזעצט און פארנומען אים אינגאנצן: מאכבובא!

---

ווען דאס דארף האט זיך דערוואוסט, אז מוסא־יאסין ביטאר עפענדיס פאסטוך האט שוין איינגעצאלט דעם פאטער אירן דאס גאנצע געלט פאר מאכבובאן, האט מען זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה, ווי דער שטייגער איז, און יעדער האט אים זיין פריינטשאפט ארויסגעוויזן. אבער קיינער האט ניט געוואוסט וואס פאר א שטורעם די בשורה האט געבראכט מאכבובאן אליין, קיינער האט ניט געוואוסט ווי גרויס איז איר דער ווייטיק: אט מיט אט דעם „גבור", וואס קען אפילו א פייגעלע פון בוים ניט אראפשיסן, וועט זי דארפן חתונה האבן? זיין ווייב ווערן אויף שטענדיק? מיט אים, מיט דעם וואס מער ווי מיט שאף און רינדער ארומפירן ווייסט ער ניט? און וואס וועט זיין מיט אבו־כאליבן? איז שוין אלץ מיט אים געענדיקט? ניין! ס׳קאן ניט זיין!.. ניין!... אבער דאס פלוצלינגע רעווען פון אן אייזל אין הויף אין די קלעפ וואס ער האט אריינגעכאפט פון איר טאטנס קורבאטש האבן איר דערמאנט, אז אן אראבישע טאכטער איז זי, אז אזוי איז געוויס פון אללא באשערט און זי וועט ניט ווערן ס׳געלעכטער פון גאנצן דארף! האט זי

אין דער שטיל געוויינט, באוויינט איר ביטער מזל און געהאפט אז אללא דער גרויסער און מוכאמעד דער צווייטער וועלן איר בא דער זייט שטיין און שלעכטע שעה׳ן אויף גוטע טעג פארבייטן. פארפאלן, אלץ איז פון אללא!...

---

און די סטאדע שאף האט ווידער אמאל דערפילט א האנט א צארטע, ווידער האט מוסא־יאסין זיי געגלעט און מיט זיי אין די טיפענישן פון טאל זיך געלאזט, און אז פארשייטע ציגן האבן זיך אליין אויפן בארג געלאזט א ווילדן באקסער צו פארזוכן האט מוסא־יאסין א הארציגן שמייכל געטאן ווי ער וואלט זאגן:

— „היט אייערע ביינער, איר ווילדע ציגן, אז א גנב איז דער בארג און ווער ווייסט ווער עס לויערט אויף אייך הינטער פעלז?״

און מוסא־יאסין האט פון גליק געשיינט, פריי צעעפנט זיין ברוסט און די ווארעמקייט פון דער זון האט אלץ מער געווארעמט און געווארעמט און דאס זיסקייט פון הארצן צעגליט: מיינע איז זי מאכבובא!

טיפער זענען געווארן זיינע טריט אין דעם אנגעגליטן זאמד. ער האט מיט אמאל אין זיך דערפילט דעם כח פון א גבר, אפילו מיט די „שאבאב״ וואלט ער זיך איצט פארמאסטן! און האט די נאכט א שפעלע מיט א נייע לעמעלע באגליקט אויף אללא׳ס וועלט, איז מוסא־יאסין זיכער געווען, אז דאס האט פאר אים די לבנה א געשאנק געשיקט. א צושטייער צו זיין גליק. האט ער דאס יונגע לעמעלע אין זיין בוזעם געלעגט, זאל דעם ווארעם זיין. געגלעט עס אין פייכטן. זיידן פעלעכל און מיט נאמען מאכבובא גערופן. איז יעדער טאג א יאר געווען און יעדער נאכט א יובל. און מיט גרויס אומגעדולד האט ער געווארט אויפן גליקלעכן טאג ווען זי וועט שוין טאקע זיינע זיין, ווען די גרויסע „פאנטאזיע״ פון דער חתונה וועט פארקומען, ווען געזאנג און טאנץ פון גאנצן דארף וועט זיך אויסמישן און פארשפרייטן פרייד פאר אים, פאר איר, פאר אלעמען...

זענען בלויז עטלעכע וואכן אריבער נאך דער חתונה און מוסא־יאסין האט געשיינט און געברויזט. געטרונקען האט ער בעכערס פול מיט גליק. מאכבובא׳ס אויגן זענען פאר אים שטענדיק שוין פאראויס געגאנגען און האט ער פארלאזט ס׳געצעלט אויף פאשע גיין האט אים א שטארקע בענקשאפט געיאגט, נאך און נאך איר ווארעמען קערפער פילן, איינאטעמען וואס מער פון איר אטעם, גלעטן אירע בריסט און שטארק, שטארק צו זיך צודריקן...

און וואס האט ער געוווסט וואס הינטער זיין פלייצע טוט זיך? אז געשפאנט האט ער פעסט מיט א געהויבענעם קאפ, געטראגן ביי זיך אין הארצן אלץ וואס זיינס. און וואס ווייסט א יונגער פאסטוך פון דעם, וואס שכנים מורמלען צווישן זיך און טייטלען אויף אים מיט די פיגגער? צו



האט ער דען עמעצן שלעכטס געטאן? מיט אייגן פארהארוועטע געלט האט ער דאך זיין מאכבובא׳ן געקויפט!

נאר ניט פארן דארף וועלן סודות פארבאָרגן בלייבן: ס׳גאנצע דארף פון קליין ביז גרויס האט שוין גערעדט פריער אין דער שטיל און נאכדעם אויפן קול אז נישט שיין, אז זינדיק איז זי מאכבובא די פאלשעניצע, אז נאכט איין נאכט אויס ווי נאר מוסא־יאסין גייט אוועק אויף פאשע מיט שאף און רינדער אין טאל, קומט שטילערהייד אריין צו איר אין געצעלט אבו־כאליב דער אויסווארף און ערשט איידער דער מארגן־שטערן באווייזט זיך אין הימל פארלאזט ער ס׳געצעלט און גייט זיין וועג ווי ניט געוועזן.

— וואס אזוי פרי אויפגעשטאנען אבו־כאליב? און וואס עפעס טוסטו אזוי פרי ביי אונדז אין ווינקל? — האט אים א שכן איינמאל געפרעגט.

— א קעלבל ברודער, איז פון שטאל ארויס, איך זוך און זוך, ניטא! סיידן א בארגיקער האט פארנומען?

— און אפשר שטייט גאר דאס קעלבל בא דיר אין שטאל? עס קאן דאך געמאלט זיין, אז דער בארגיקער האט עס שוין צוריקגעבראכט? כא כא כא...

און אז דאס דארף האט שוין אפן גערעדט וועגן דער פאלשעניצע מאכבובא, וועט זיך שוין געפינען א דערבארעמדיקע גלויביקע נשמה, וואס וועט וועלן די זינד פון דארף אויסווארצלען און מוסא־יאסינען די שלעכטע נייס דערטראגן.

נאר א ליגן איז דאס! א מיאוס לעבן ווילט איר מאכן צווישן מיר און מאכבובא׳ן! נישט פארגינערס זענט איר. פאר אייגענע הארעוואניע האב איך זי געקויפט און זי איז א הייליקע, ריין איז זי ווי א ווייסע טויב. ניט אמת! ניט אמת וואס איר דערציילט!..

אבער טיף אין הארצן האט זיך א קליין ווערעמל פארקליבן און דאס האט געטאטשעט און געטאטשעט, קאלט איז אים געוו׳ארן. און אראפגעלאזט זענען מאכבובאס אויגן. גיך פירט זי אויס יעדן פארלאנג פון איר מאן. אזוי גוט איז זי מיט אמאל צו אים געווארן און רעדט ער נאר אויס א העכער ווארט, אזוי ווערט זי א דערציטערטע און האט ער א ניס געטאן האט זי זיך א צאפל געטאן ווי א גיפטיקע שלאנג וואלט איר א ביס געטאן.

— ביסטו אפשר קראנק מאכבובא?

— ניין יאסין, גארניט... גארניט...

— לאז דיר ניט פערדריסן וואס בייזע צינגער רעדן, ניט פארגינערס זענען זיי און איך וועל זיי שוין באווייזן ווער מוסא־יאסין איז אזוינער!

האט מאכבובא נאך מער אירע אויגן צו ד׳ערד אראפגעלאזט און געבליבן שטיין א פארגליווערטע און פארזארגטע.

---

די נאכט איז א ווינטערדיקע. א בליץ נאך א בליץ גיט א שנייד אין הימל, דריקן זיך די שאף איינע צו דער צווייטער און מוסא־יאסין שטייט

אנגעשפארט אין א פעלז איינגעגנארעט אין זיין אבאיע. נאר א שפיץ נאז זעט זיך ארויס. הילכט אפ איין דונער נאכן צווייטן און מיט א מאל האט א גאס־רעגן א פליוך געטאן פון הימל און א שטורם געבראכט אין טאל. ליגן די שעפעלעך און קרעכצן: מע מע... און יאסין שטייט א צעווייקטער און טראכט: אז נאך, נאך א ביסל וועט א סוף נעמען צו דער נאכט, וועט א צווייטער פאסטוך אים היינט קומען פארבייטן און איבעראשן וועט ער זיין ליבסטער מאכבובא׳ן. קומען וועט ער פרי. איינוואשן זיך, אנטאן די נייע קליידער און צוליב פרייטיק אין מעטשעט גיין, אפזאגן א תפלה צו אללא, באדאנקען אים פאר זיין גוטסקייט און נאכדעם וועט ער לאנג מיט מאכבובא׳ן זיצן, העלפן איר בא דער ארבעט, א יום טוב וועט היינט זיין! און מעג דער רעגן גיסן, און מעג דער בליץ זיך בליצן און דער דונער דונערן. די נאכט וועט גיך פאריבער און טרוים וועט וואר זיין.

אבער דער וואס האט גליק נאר אין טרוים — דער האט אומגליק — האט דער אלטער מאכמוד געזאגט...

---

דזשימזע איז גאך געשלאפן א זיסן שלאף. נאכט איז געלעגן אויסגעשפרייט אויף בארג, טאל און דארף. מער ווי דאס ווייטע רעווען פון אן אייזל אדער א קרעכץ פון א קעמל האט זיך ניט געהערט. ווייט איז נאך צום מארגן־שטערן.

און איינער אליין האט געשפרייזט דער פון רעגן אויסגעווייקטער מוסא־יאסין. שנעל זענען געווען זיינע טריט. זיינע בארוועסע פארהארטעוועטע פיס האבן געטאפטשעט פון לוזשע צו לוזשע, געקנאטן האט ער די ווארעמע בלאטע און געאיילט אהין, צו זיין געצעלט, צו זיין מאכבובא׳ן, דארטן ווי טרוים איז שטענדיק גליק. וואו ס׳איז אזוי גוט און ווארעם... און אט איז ער שוין ביים שוועל פון געצעלט.

נאר... ווער זענען עס די שדים וואס קריכן אים אין פנים און שטשירען מיט די ציין? וואס לאכט פון אים דער אלטער מאכמוד? איז עס טרוים אדער וואר?.. וואס איז אים מיט אמאל אזוי קאלט געווארן אין די פיס?.. וואס אזויפיל בלוט אין פנים? וואס ציטערט די האנט? הא?... וואס?...

---

— — — יא ברודער, אזוי איז עס געווען! — האט נאכדעם מוסא־יאסין פאר די היטער פון קארצער דערציילט — דער שארפער מעסער איז אליין אין האנט געקומען, און וואס ווייס איך פון ווענענס בלוט ס׳מעסער איז רויט געווארן, פון מאכבובא׳ס דער פאלשעניצע, צו פון דעם הינט׳ס אבו־כאליב? אויסגעמישט האבן זיך זייערע בלוטן. אלץ איינס הינטישע בלוט!.. הינטישע...

— פארפאלן! אלץ איז פון אללא! און גערעכט איז אויך דער אלטער מאכמוד, וואס זאגט:

— „ווער עס האט גליק נאר אין טרוים — דער האט אומגליק אין לעבן...



ליובא וואַסערמאן / ירושלים

# ירושלים

איך האב דיך ליב, דו שטיינער־שטאט,
ווען דיינע טעג צעטליען זיך אין גרוי
און זעען אויס ווי בין השמשות׳ן
איבער ימים ווייטע;
ווען די בערגער דיינע
וויקלען זיך אין הימלען.
און טאפאלן־בוימער ציטערן
אין פחד פאר דער קעלט;
ווען מענשן שלייכן זיך
אין ווינקלען פון די גאסן
זוכן זיך א דאך
פאר קומענדיקן רעגן;
ווען טורעמדיקע קלויסטער־צלמים
שטייען ניט באזונטע
שניידן מער ניט אין די אויגן
מיטן שווארצן גלאנץ,
און קלויסטער גלעקער
הערן אויף צו רופן
נאך האלבע נאכט די מאנאטאנע תפילות;
ווען באצלמטע גלחים.
ברייט צעלאזטע סטאנען,
פיקן ווי די שווארצע קראען נאך א רעגן,
מיט אייגלעך פארזשמורעטע, וואו, אוואו
אין פליישיק ראזע אקסלען
דאס נזירות צו דערשטיקן,
ווען יידן ברייט באשטריימעלטע
מיט בארד און פאות צעפלאכטענע
קלאפן אין די צדקה פושקעס
אויף חיונה פארן ווינטער...
כ׳טוליע זיך צו דיינע רוקן־בערג
מיט טיף פארכאפטן אטעם,
ווייל מיר איז גוט
אין גרויער טיפער שטילקייט
פון דיינע הארבסטע כמורנע טעג.
כ׳האב דיך ליב דו שטיינער־שטאט.
ווען דיינע טעג צעטליען זיך אין גרוי
און זעען אויס ווי בין השמשות׳ן
איבער ימים ווייט...

## פייזאזש

א דינע בלויקייט האט מעטשעטן־דעכער נעפלדיק פארצויגן.
צוברענט האט די זון הינטער בארג זי פארבויגן,
קלויסטער־גלעקער האבן איבער בארג און בלוי געקלונגען,
ערגעץ האט פארבענקט א שטימע פונ׳ם טאל געזונגען,
איז א פאסטוך צווישן פעלזן אויף א פייפל זיך פארגאנגען,
האט א ווינטל שטיל געגלעט אין פעלד די גרינע זאנגען,
האבן ווילדע רויטע בלומען מידע זיך געבויגן,
און א מיידל שלאנק און בויגיק לאזט אראפ די אויגן...

ירושלים 1931

---

דער טונקעלער / ווארשע

## ביכער עליך ישראל

דערמיט בין איך מודיע דעם עולם פון תל אביב אז א סוף! מען מוז מיר אויפהערן געבן ביכער. וואס האט איר אויף מיר זיך אנגעזעצט? האסטו געזען א ביסל, באגעגנסט א מענטשן — גיט ער דיר גלייך א בוך. איז דאס א יושר צו נעמען א גאסט און פארמוטשען אים מיט ביכער? די גאנצע הויז איז ביי מיר פארפלייצט מיט ביכער, אלע טשעמאדאנעס אנגעפאקט מיט ביכער. אין די קעשענעס שלעפ איך זיך ארום מיט ביכער. א גאנצן טאג גיי איך ארום ווי א ביבליאטעק, כאטש נעם און לאז זיך מאכן א קאטאלאג.

אזא גוטער פריינט ווי מערעמינסקי גייסטו צו אים אריין מיט א וויזיט אין הסתדרות, דוכט זיך גאר לייטיש, נישט איך טשעפע אים און נישט איך זאג אים א קרום ווארט. נעמט ער און שטופט מיר אריין מיר־נישט דיר־נישט דריי גרויסע ביכער, 4 באריכטן פון 4 ציוניסטישע קאנגרעסן, צוויי דין וחשבון׳ס פון ועד הפועל, 5 בראשורן וועגן קבוצות, 7 האנט־ביכער וועגן הינערצוכט און אייער לייגען אין די משקים, 6 לער־ביכער ווי אזוי צו האדעווען פאראדיסטע אקסן, אחוץ דארטן סטאטיסטיקעס, דיאגראמען, טאבעלען וכדומה.

גייסטו אריין אין „התאחדות בעלי התעשיה״ (פאבריקאנטן) שענקט מען דיר תיכף דריי אילוסטרירטע קאטאלאגן פון דריי יאר, 9 אלמאנאכן און סתם לוחות.

פארסטו אריין אין א קבוצה איז מען דיר מכבד מיט צוויי היסטאריעס, 3 באשרייבונגען, 5 אלבאמען און 17 צירקולארן.

פארסטו קיין ראשון לציון, און דער הער מאיראוויטש איז ליבנס־



הארציק און איז דיר מכבד מיט א גלעזל אלטן ווייןן, איז דאך שוין גוט, איז תוך כדי דבור פארט ער דיר אריין מיט „א היסטארישן איבערבליק איבערן קעלער״, מיט דער „געשיכטע פון פלאנטאציעס פון וויינטרויבן״, מיט „ראטשילדס ביאגראפיע״. א ביכל איבער די „בילוצעס״, און „א בראשור וועגן די מזיקים פון וויינשטאק״, חוץ דעם א פולע קעשענע מיט פאסטקארטן, פאטאגראפיעס און סוווענירן און אלץ דערפאר וואס מען האט דיר מכבד געוועןן מיט א גלעזל וויין

קומסט אין „בית אחד העם״ — נא דיר א ביכל וועגן בית אחד העם, גייסטו אריין אין ביבליאטעק „שערי ציון״ — נא דיר א ביכל וועגן „שערי ציון״. אין קרן קימת — א ביכל וועגן קרן קימת, א ביכל וועגן טריקענען בלאטעס, וועגן היישעריקן, וועגן מייז. אין קרן היסוד — ווידער דאס זעלבע און אזוי מיט דעם „קרן הגאולה״, „קרן הצבי״. „קרן הישוב״ — אומעטום פאקט מען דיר מיט ביכער און בראשורן.

דו גייסט דוכט זיך אריין צו א שוסטער לייגן א לאטקע. רואיק, פרידליך דערלאנגט ער דיר א בוך לידער. ווארום דער שוסטער איז גאר אויך א דיכטער בחסד עליון און שרייבט לידער. גייסט אריין פאריכטן א זייגער איז ער דיר מכבד מיט צוויי בענדער פילאזאפישע ווערק, ווארום אט דער זייגערמאכער איז גאר א פילאזאף. ווי איר גייט שווימלט מיט שרייבער און פילאזאפן און משוררים און דענקער און מען איז נישט זיכער מיטן לעבן און ווער רעדט די פראפעסיאנעלע שרייבער און דיכטער זיי זענען דאך אודאי בארעכטיקט צו שענקען דיר ביכער. שענקט מען אייך. ווער עס האט גאט אין הארצן שענקט אייך ביכער.

האט מיך דער שלימזל אנגעטראגן אין דעם יידישן ליטעראטן קלוב פון תל־אביב האט מען מיר גענומען טיילן מיט ליטעראטור פון פויגל מילך. אלץ וואס זיי האבן ביז איצט ארויסגעגעבן: „איינס״, „צוויי״, „צווישן צוויי און דריי״ „אן אנהויב״, ס׳איז נאר א נס וואס דער פארלאג ארבעט ניט לאנג, אז ניט וואלט איך באדארפט מיטשלעפן א ספרים־פארלאג.

ריר זיך צו צו אן אקטיאר, שטופט ער דיר אן פולע קעשענעס מיט פראגראמען און צייטונגס אויסשניטן וואס מ׳האט וועגן אים געשריבן און פארטרעטלעך פון זיינע ראלן. און ועל כולם די הומאריסטן. מ׳האלט דיר אין איין טראגן פורים׳דיקע, פסח׳דיקע, און פאראיארן־שבועות־דיקע, און פארצווייארן־חנוכה׳דיקע און שושן־פורימדיקע, און שבת־נחמו׳דיקע און עשרה־בתמוז׳דיקע, לכבוד־צום־גדליהו׳דיקע און סתם וויצן בלעטער פון א גאנץ יאר.

איצט שטעלט זיך פאר וואס ביי מיר אין שטוב טוט זיך פון דעם גאנצן פעקל. כ׳האב זיך ממש ניט וואו א קער צו טון. וואלט געוועןן אן אויוון וואלט איך זיך שוין אן עצה געגעבן. איז דא צום אומגליק קיין אויוונס

ניטא, וואלט איך זיי ארייגעוואָרפן אין ים האב איך מורא ער קען זיך נאך פון כעס צעפּלייצן און מאכן א פּארפּלייצעניש. א ים איז אויך א מבין אויף ליטעראַטור... עס בלייבט מיר נאר צו שאפן א שטעל אין גאס און מאכן אן אויספּארקויף... איז אבער א צרה וואס תל־אביב׳ער יידן האבן ליב מער צו שרייבן ביכער און שענקען ביכער איידער צו קויפן ביכער.

און דעריבער בעט איך אייך, האט אויף מיר רחמנות און הערט אויף מיר צו פּארוואַרפן מיט ליטעראַטור. איך בין אייך מודיע, אז באַם עמיצער וועט מיר געבן א בוך, וועל איך אים תיכף שענקען מיינס א ווערק! מדה כנגד מדה און זאל ער וויסן. איך האב פיינט צו פּארשווייגן!

תל־אביב, אפּריל 1391.

---

י. צ. שארגעל / חיפה

## צו מיין שוועסטער אין דאָרף

1

ביסט טויזנט מאל שענער ווי די שענסטע פון זיי
וואס אויף בעלער געקליבן —
בארויטלט מיט וויינען און פארבן א סך
און די דינסטן זייערע וויינען אריין אין דערנאכט.
כאטש דיין לייב האט קיין זיידנס קיינמאל נישט פארזוכט,
כאטש אפגעברענט שווארץ איז תמיד דיין פנים,
דאך ביסטו שלאנקער און שענער פון זיי אלע מאל —
לייכסט־אויף ווי א שטערן אין ארבעטער־טאל.
און קומסטו שפעט א היים מיט אויגן וואס קוקן אזוי,
מיט פיס וואס שלעפן זיך מיד, פארהילטע אין נאכטיקער פרייד,
הענט אויפן קארק געהאנגען, פארברענט פון שטומען באגער,
שיינט־אויף אזוי העל דיין מארגן פאר דיר
מיט גרינעם גארטן־יום־טוב, מיט ארבעט אן א שיעור.

2

ווער קען מעסטן דיינע טריט
אויף פעלדער פלאכע, שווארץ־צעאקערטע,
אז ס׳איז דיין יעדער, יעדער שריט
העלער אנזאג פון פרייד צעפלאקערטע?
ווער קען ציילן דיינע שטעגן,
ווער קען גלייכן זיך צו דיר,
אז אזויפיל שלוה איז אויף דיינע וועגן,
אזויפיל רחבות — ביי דיין טיר.
און אז פון יעדן בלימל וואקסט דיין שמחה
וואקסט דיין פרייד — ביי בייטן רויע,
ווערסטו צייטיק ווי די תבואות
און בעטסט אויף רעגן ביי הימלען בלויע.



יעקב שטאָל / שכונת באראכאוו

## פארנאכט

די זון איז גרויס און הענגט
צווישן טאג און נאכט.
דאס אויג איז בלוי און ווייט,
צום שפּיץ מעטשעט פארטראכט.

ווייסע וואסער־פייגל אינם שוים
לאזן זייער שפּיל פון טאג צו זעט,
פון הויכן טורעם רופט דער אלטער שמש:
מענטשן, קומט צו גאט, ס׳איז שפעט! —

מענטשן, קומט צו גאט, ס׳ווערט שפעט,
קילט אפּ דאס הארץ פון זינד:
די נאכט פארברענט דאס לייב,
די נאכט אנטלויפט ווי ווינד.

---

לייבל חיין / חיפה

## אויף דער עלטער

ר׳ אברהם איז אויפגעשטאנען פון לייוונטענעם ליג־שטול, צוגעגאַנגען צום קליידער־אַלמער, ארויסגעצויגן פון א ווינקל א ברייטן לייוונטענעם כאַלאַט און גענומען רופן:

— נעכי! נעכי! זיי זיך מטריח. א קנעפּל פעלט דאך, נעכי!

עפּעס האט אפּאל געטאן אין צווייטן צימער, די טיר האט זיך מיט כעס אויפגעריסן אין א יידענע פון א יאר זעכציק מיט א טיפן שייטל אויפן קאפּ איז פלינק אריין אין צימער, — נעכי, נעכי — זיי זיך מטריח א — —

— נעלי — נעלי זאלסטו מיר רופן. שור. נעלי — זאג איך דיר. כ׳וויל עס ניט הערן, און דו וועסט מיר ווידער הייסן אייבראַם באַרנעס דו הערסט צו ניט? — אייבראַם — מיסטער אייבראם באַרנעס!

— נעכי — זאג איך דיר — אַ קנעפּל אין כאלאט זיי זיך מטריח...

האט נעכי א קלאפּ געטאן מיטן טיר און צוריק פארשוואונדן.

רבי אברהם האט קרעכצנדיק אויסגעזוכט א נאדל־פאדעם מיט א גלעזערנעם קנאָפּ ער האט זיך צוריקגעזעצט אין לייוונטענעם ליג־שטול, און מיט ציטעריקע פינגער גענומען שטעכן די נאדל אין פאלע פון ראָק. עפּעס

האט זיך אים פארצויגן אנ׳אויג און א טרער האט זיך פאזע נאז אראפגעקייקלט אין דער ווייסער אויסגעצופטער בארד, ר׳ אברהם האט אוועקגעלייגט דעם כאלאט אָן א זייט, צוגעגאנגען צום גרויסן מיט מעש־באשמידטן רייזע־קאָפערט, מיט ציטעריקע הענט האט ער ארויסגעזוכט א שליסל פון די הויזן־קעשענעס, אויפגעמאכט דעם קאָפערט און ארויסגענומען א פעקל ווייסע לייוונט. ער האט צונומען דעם פעקל, אוןריידנדיק צו זיך אליין, האט ער אויסגעלייגט איין שטיק לייוונט אויפן טיש און צוגעמורמלט: שור — די מכנסים, א צווייט שטיק לייוונט האט ער אויסגעשפרייט איבערן קופערט — די „כתונת״. נאכער האט ער אויפגעהויבן א קליין שטיקל לייוונט פון דער ערד — און עס גענומען דרייען אין זיינע ציטערדיקע פינגער... יעס, יעס שור — „ותשימו מצנפת טהור על ראשו״ — על רא־א־א־שו — האט ער אויסגעכליפעט מיט דער הדגשה פון „אחד״...

דערווייל איז נעכי צוריק אריין אין צימער און דערזען ווי ר׳ אברהם פאָרעט זיך מיט די לייוונט. זי האט פארלייגט אויף די זייטן די קורצע הענט מיט די אָגגעפיקעוועטע רינגען אויף די פינגער — און אויסגעשפיגן אויפן קול: אייבראם — אייבראמקע — „פראהיבישניק״ — אייבראמקע שווינדלער — וואס איז די צדקות אויף דיין קאפ, אויף דיינע ביינער, אויף דיין לייב און לעבן, 57 יאר האסטו געזינדיקט און גענואפט — איבער די קאנטריס אין „שאפן״ האסטו דיינע פלעשלעך געסמטע וואסער פארהאנדלט — און איצט מיינסטו דיינע זינד מיט דיינע „תכריכים״ פארגעבן — ניין — אייבראמקע — שווינדלער — מיט אנגעגליטע אייזנס וועט מען דיר דיין נשמה אין הארצן ברענען, דיינע אדערן וועט מען ציען פון „טעל־אָוויוו״ ביז דער קאנטרי און מיטשינגען — וואו מען האט דיר מיט דער שיקס — — —

— נעכי — נעכי — נעשקע! פשעקופניצע! הינער געפייגערטע האסטו געקויפט און אליין געשאכטן — און פאר כשר׳ע פארקויפט — נעכי — נעכי — די פשעקופניצע — זינדיקע נשמה — טריפה׳נע הינער האסטו פארקויפט — געדענק — — —

די הענט איז בייביידן געפאלן, ר׳ אברהם האט זיך צונויפגענומען די שטיקער לייוונט און פארפאקט צוריק אין קופערט... נעכי איז געזעסן אין ווינקל אויפן בעט און מיט א יאמערדיקן תחינה ניגון אויסגעלייגט:

— נו האבן מיר געזינדיקט, געזינדיקט, די נשמות דעם שטן פארקויפט, און זיין ליבער נאמען האט מיר דערפאר די טראכט פארשלאסן, האב איך אלע עבירות מיינע אין צדקות דערטרונקען, בין איך די ווייס־פרעזידענטן פון „כנאסעס־כלה״ בין איך א מעמבערקע אין „צ׳ חיים״ אין „בייס־יאנקעוו״, בין א מעמבערקע אין אלע „תלמוד־טיירעס״ בין איך ווייס פרעזידענטן — פון בייס־יסיימעס״ — האב איך מיין פראצע פון 40 יארן צוזאמען מיט די טרערן אין 15 קאסטנס געפאקט, איבער וויסטע ימים



געפארן אין יערושעלייעם געקומען — זיינען דאך די גרעסטע ״גאבאים״ און מוראים געקומען האב איך די קאסטנס צעטיילט פאר אלע ארמלייט פון דער הייליקער ירושעלייעם — און מיינע זינד האב איך אויסגעקויפט — — —

ר׳ אברהם איז שוין געשטאנען אנגעטאן אין ווייסן כאלאט, מיט א הארטן הוט אויפן קאפ, אין האנט האט ער געהאלטן א שווערן שווארצן שטעקן מיט א זילבערנעם קאפ און געמורמלט צו נעכען:

— שור. גענוג. שור. מארגן איז ערב שבת, גענוג, נעכע, נעלי — גענוג, און מיט דער לאסט פון זיינע 76 יארן איז ער ציטערנדיק ארויס פון שטוב, ער איז שוין געהאט אוועק א היפשע שטיק צייט אין גאס — ווי נעכע האט אויפגעריסן דעם פענסטער און איבערן גאנצן גאס נאכגעשריען: אייבראם! — אייבראם — דער גיהנום! די מזוזה ווייטער פארגעסן...

אוונט. דער „הדר״ האט זיך צעצונדן אין טויזנטער פייערן, די חלוץ־גאס האט געווימלט פון מענטשן, וואס האבן זיך געשטופט צו די אייזערנע באריערן פון די קאסעס אין ריזיקן אמפיטעאטר, פון זייטיקן פארק האבן זיך געטראגן קרעפטיקע געזאנגען — ערגעץ אין דער נאענט האט געהאָפּקעט א האמעטנע האָרע — און דער שפּוע פון כרמל האט כסדר מיטגעברומט — הגליל — הגליל אל — יבנה — הגל — — הגליל... ר׳ אברהם איז געזעסן אין זייןברייטן לייוועגטענעם ליג־שטול — און דערציילט נעכען: — — בין איך אוועק מיט דער לויה ביז אויף דער סעמעטרע — זיי האבן געוויינט, האב איך אויך געוואלט וויינען — איז קיין טרערן ניט געגאנגען — אבער די גלידער האבן געוויינט — היינט הער, הער־זשע נעכע! זיי לייגן דאך אוועק אויף דער נאקעטע ערד — אויף דער נאקעטער ערד — און באדעקן מיט גראבע שטיינער — שטיינער, און דאס הייסט קבורה אין „ארץ־ישראָל״!...

נעכע איז געזעסן פארגליווערט — און געשוויגן. ר׳ אברהם האט נאך עפעס גערעדט, נאכער האט ער צוריק פארשוויגן. דער שפוע פון כרמל האט געסאפעט און געברומט הגליל — הגליל — — —

---

# ברעקלאך

**דאס פינטעלע קונסט.**

„עס לייענט זיך זייער פיין, עס איז אינטערעסאנט אנגעשריבן און ס׳איז א פארגעניגן צו לייענען אבער... אבער עס פעלט דערין קונסט״ — אזעלכע אפשאצונגען הערן מיר אפט איבער קלענערע און גרעסערע ווערק.

איז מיר ניט קלאר, וואס הייסט עס. וואס איז קונסט? צו איז עס אזא מין וואונדערלעכער שטאף, א מין „עלעקסיר״, וואס מען גיסט צו צו דער משקה זי זאל שמעקן? אדער איז עס דאס, פון וואס עס קומט דער אינטערעס, די שפאנונג, די פיינקייט?

עס איז דאך קלאר, אויב א ווערק איז אינטערעסאנט אנגעשריבן, לייענט זיך פיין און ס׳איז א פארגעניגן דאס צו לייענען, הייסט עס אז אלץ אינאיינעם נעמט

זיך פון קונסט גופא, עס האט דערנייכט דעם קינסטלערישן צוועק. טא וואס נאך? צוליב וואס דאס זוכעניש פון עפעס א מיסטעריעזער קונסט?

## שווערע און לייכטע ליטעראטור.

אפטמאל טיילן מיר ליטעראטור אין שווערע און לייכטע. דאס איז שטארק פארשפרייט ביי יידן. און צומייסטנס די יידישע שרייבער און אינטעלינענטן זענען נעניינט צו דער „שווערער ליטעראטור".

אמת יידן זענען שטענדיק פארזארגט, שטענדיק פארווארפן מיט פראבלעמען פון לעבן, זיי זענען אויך בטבע מער נעניינט צו ענויים; צו מיינט עס שוין, אז די ליטעראטור דארף זיין א שווערע?

בא אנדערע פעלקער ווערן אויך די שווערע פראבלעמען פון לעבן מיטן האנט ניט אוועקגעמאכט, אבער זייער לעבן און קוק אויפן לעבן איז פרייער און די ליטעראטור דעסגלייכן: פרייער, לייכטער, שפילעוודיקער, אינטערעסאנטער.

דער לעצטער פוסק אין ליטעראטור איז אלע מאל דער לייענער, דער מענש פון פאלק, דער וועלכער קאן זיצן מיטנעצווינן פון ספור המעשה, דער וואס לעבט מיט דאס וואס דער העלד אין נעדרוקטן ווארט. שווערע ליטעראטור אבער לייגט זיך שווער אויפן שכל, ווערט נודנע, פארמאטערט און דערנרייכט זייער ווייניק.

א ליטעראטור טאר זיך ניט שטיצן בלויז אויף א גרופע שרייבער, אינטעלי־נענטן און פיינשמעקער, נאר אויפן פאלק, אויפן פאלקס־מענש, דער בא וועמען לי־טעראטור איז אויך א מיטל פון ווייל. ליטעראטור דארף זען, אז די ווייל ונג זאל זיין פון העכערער מדרגה, זי זאל זיין וואניק אבער אן שווערקייט.

## נעמען פון העלדן.

ס'איז אפשר א פאראדאקס, אבער דאך א פאקט, אז דער נאמען פון העלד שפילט אגרויסע ראל אין דער שאפונג און אין דעם אופן פון האנדלען. מעג עס זיין דער באגאבסטער יידישער שרייבער, קוים הייסן זיינע העלדן: יצחק, ברוך, חנה א.ז.וו. לייגט עס שוין א שטעמפל פון א לאקאלער און אפילו סעקטאנטישער ליטעראטור.

ניט יצחק, ניט ברוך, און ניט חנה וועלן קענען אזוי האנדלען ווי נעארג, מאקסים, העלענא א. ז. וו. עס איז שווער זיך פארצושטעלן, אז יצחק זאל קענען אזוי האנדלען ווי מאקסים מעג עס זיין אין ליבע, ארבעט, נאטור וכדומה.

דער נאמען פון העלד איז שוין א וועג־ווייזער פאר א טייל פון זיינע האנדלונגען און דעריבער אזוי פיל קליינשטעטלדיקייט אין אונזער ליטעראטור.

## פלאניאט.

צו שרייבן איצט ווי מ'האט נעשריבן מיט עטלעכע צענדליק יאר צוריק (ניט וועגן קלאסיקער רעדט זיך) איז גאר ניט שווער. די מיטלען זענען אויסגעארבעט, די טעמעס זענען פארטיק. אבער וואס ווייטער האט זיך דאס לעבן מער ענטוויקלט. אויף אלע געביטן איז געווארן שטארקער די פאדערונג און מעגלעכקייט. און אויך אין דער ליטעראטור אזוי.

צו שרייבן ווי זיי האבן דעמאלס געשריבן איז געווען א קונסט. זיי האבן גע־שאפן נייעס. דערפאר אבער איז זיי אנגעקומען גרינגער זייער ארבעט. זיי האבן זיך אלאז געטאן אויף די אנגעווארפענע, נישט־גערירטע טעמעס, געכאפט פולע ושמעניעס, און פארכאפט דאס געזאנג איבער נאטור, הימל, טאג און נאכט, ליבע, ארבעט, נויט א. ז. וו.

היינט אז איינער באזינגט דאס אלץ, מוז ער עס אנדערש באנעמען, נאר מיט אן אנדער צוגאנג; ווען ניט, ווערט ער פארעכנט פאר א פלאניאטאר און אין בעסטן פאל פאר באנאל.

וויפיל פלאניאט אָן פלאניאט עס דרייט זיך איצט ארום אין דער ליטעראטור!

**אברהם בלײ**

תל אביב 1931.

## רחל בלאוושטיין

רחל בלאוושטיין, די אקארשט פארשטארבענע העברעאישע דיכטערין קאן פא־רעכנט ווערן פאר א פענאמען אין יעדער ליטעראטור. איר דיכטונג האט זיך אנגעהויבן מיט איר קראנקהייט. קראנקהייט, נעראנגל מיטן טויט און ליבע פון א קראנקן מענשן. דאס זענען די אַקסן פון איר גאנצן שאפן. אפילו היסטארישע טעמעס קומען ביי איר ארוים ריין פערזענלעך, זי האט דערגרייכט אן אינטענסיווקייט פון נעפיל וואס אין זעלטן ביי פראפעסיאנעלע דיכטער. מערקווירדיק ווי די דאזיקע חלוצה און ארבעטארין האט נישט איבערנענעבן אין אירע לידער אפילו יענעם סאציאלן פיין וואס ווערט נעפילט אין אירע איינענע קרייזן. די קראנקהייט האט איר קאנצענטרירט ארום זיך. ארום זיך און ניט מער.

---

## נאטיצן

דער יידישער ליטעראטן און זשורנאליסטן קלוב אין א״י האט לעצטנס אויפ־נענומען נעסט פון חוץ לארץ: הלל ראגאוו פון ניו־יארק און דער טונקעלער פון ווארשע. ביי צוויי באזונדערע אוונטן נעווידמעט יעדן איינעם פון זיי האט דער קלוב באקאנט די נעסט מיט דער לאגע פון יידיש און יידישע קולטור ארבעט אין ארץ ישראל און אפנענומען גרוסן וועגן דעם מצב פון דער יידישער קולטור אין אמעריקע און אין פוילן.

בעת דער ראגאוו אוונט איז אין זיין גרעסטן טייל נעווען געווידמעט אן אינטימען חברישן שמועס וועגן די ברענענדיקע פראגן אינם לאנד, איז דער טונקעלער אוונט נעווען געווידמעט מער דער ליטעראטור גופא. דער גאסט האט נעלייענט פון זיינע נייע זאכן, וועלכע האבן שטארק אויסגענומען

די אוונטן האט באזונדער אנגענעם געמאכט די עטלעכע נומערן געזאנג פון דער באגאבטער יידישער שוישפילערין פון ניו־יארק בראנטשע בערנשטיין, וועלכע נעפינט זיך איצט אין לאנד.

---

מחברים און פארלעגער ווערן נעבעטן צוצושיקן זייערע אויסגאבן און ביכער פאר די ווייטערדיקע העפטן אין וועלכע עס וועט ווערן אפגענעבן פלאץ פאר קורצע רעצענזיעס און באמערקונגען וועגן ביכער.

---

די רעדאקציע בעט אלע פארשפרייטער ,זיי זאלן זיך צואיילן צוצושיקן דאס נעלט פאר די פארקויפטע עקזעמפליארן מחמת די פארשלעפונג פון חשבונות שטערט דאס ארויסגעבן די העפטן.

---

אדרעס פון רעדאקציע:

Varlag 'In Zoim'
Tel-Aviv. P. O. Box. 313 Palestine.

פאראנטווארטלעכער (האחראי) א. צפורי

פרייז אין לאנד: 15 מיל,

אין אויסלאנד: 15 סענט.

אדרעס פון רעדאקציע:

Varlag „In Zoim", Tel-Aviv, Palestine, P. O. B. 313.

דפוס קואופרטיבי „אחדות" בע"מ, תל־אביב